# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

זוכה ומזכה אחיו עמו
קויפט א זכות דעם זומער!
הענגען דעם בולעטין אין די קאנטריס איז פארבינדן מיט פילע הוצאות. זיך צו משתתף זיין און קויפן דעם זכות פון ארויסהעלפן מציל זיין קברי אבות, ביטע רופן 917-803-5715.
אבותינו ווינטשט פאר כלל ישראל א געזונטן זומער.

## פראיעקטן קיץ תשע"ח

### פראיעקט תשע"ח ע"י אבותינו 14 — מאקעווע, אונגארן

מנו"כ הרב הקדוש צדיק נסתר רבי אברהם צבי בן רבי יעקב הכהן זצוק"ל ראבינשטיין

**בראשות הרבני הנגיד המפורסם ר' שמואל חיים בראן שליט"א**

**בהשתדלות הרה"ח ר' אביש פערלמוטער שליט"א**





ביה"ח מתוקן 154 ע"י אבותינו

נייער אוהל און מצבות




אויסגעפלאסטערט נייער וועג פון טיר צום אוהל

### פראיעקט תשע"ח ע"י אבותינו 15 — רזעפניק, פוילן

**מעמד חידוש המצבה על מקום מנוחת האשה החשובה פעסיל רעכיל בת הרב החסיד ר' שמעון ע"ה**

לרגל ווי די עבוה"ק פון בנין הגדר ותיקון המצבות ווערט איצט פארענדיגט, ובפרט ווי ס'איז נתחדש געווארן מצבת זקינתם הנז', וועלכע איז הערליך אוועקגעשטעלט געווארן ברוב פאר והדר, איז דערפאר פארגעקומען א "היסטארישער מעמד" די וואך מיטוואך, מיט באטייליגונג פון די חשוב'ע אייניקליך אין שפיץ פון די ראשי הועד, די געהויבענקייט איז געווען אין לשער צוזעהנדיג פון די נאנט די אויסערגעווענליכע עבוה"ק, יה"ר מ'זאל האבן געפועלט אלעס גוטס.

גרויס דאנק איז אויסגעדריקט געווארן פאר אלע משתתפים ובפרט לראשי העסקנים הדגולים והחשובים, **א באזונדערע דאנק פאר הרב הראשי ד'פוילין, ידידינו היקר הרב מ. שודריך שליט"א** און זיין געטרייע געהילפן פאר זייער געטרייע מיטארבייט.











## צוגרייטונגען פראיעקטן תשע"ח

### תיקון ביה"ח פישטיאן, סלאוואקיי

בהמשך צו דער עבוה"ק פאריגע סעזאן וואו מען האט געשטעלט נייע מצבות על קברי רבני העיר, בראשות הגה"צ רבי יצחק צבי אונגאר שליט"א, אב"ד נייטרא – ירושלים בן כ"ק אדמו"ר מ'נייטרא שליט"א

**ווערט מען יעצט אהערשטעלן א הערליכן מכובד'יגן מקום ארום מקום מנו"כ רבני העיר ובראשם הגה"ק בעל נאות דשא מ'נייטרא זצ"ל**




← נייע מצבות געשטעלט בשנת תשע"ז

### תיקון ביה"ח בעיר יועד, רומעניע

מנו"כ הרבני החסיד ר' משולם בן אליהו ריזל ז"ל
והאשה הח' מרת גאלדא רעכל בת ר' מרדכי עדעלשטיין ע"ה
אשת הרה"ח ר' כתריאל (יקותיאל) צבי אינדיג ז"ל (מנו"כ ריסקעווע)
מיוצ"ח משפ' הרה"ח ר' **מרדכי נאווע** ז"ל

**בהשתדלות נכדה היקר ידידינו הנאמן כמר הערשל נאווי נ"י עם ידידו היקר ידידינו הנאמן כמר מענדל זאפיר נ"י**
**ובהשתדלות האברכים היקרים מוה"ר יוסף לייב ואחיו מוה"ר שמואל דוד קויפמאן הי"ו בני הרה"ח ר' חיים צבי קויפמאן שליט"א**
**בשם נכדי הרה"ח ר' משולם ריזל ז"ל**

**בני משפחה קוקן שטארק ארויס אויף די השתתפות פון אלע צאצאי יוצאי העיר צו קענען אנהויבן די בוי-ארבעט אויפ'ן ביה"ח אין קומענדיגן סעזאן בע"ה.**



ביה"ח שטארק פארלאזט



מצבת ראש בית אב הרה"ח ר' משולם ב"ר אליה-ו ריזל ז"ל

### נטפי תנחומים

בלב מלא צער משתתפים אנו בצערם של המשפחה הח' לבית **מענדלאוויטש** הי"ו, ובפרטיות לידידינו הנאמן העוסק רבות בעד הצלת בתי חיים, ה"ה הרבני הנכבד בנש"ק הרה"ח ר' **פייוויש מענדלאוויטש** שליט"א היושבים בעמק הבכא על פטירת אמם **האשה החשובה מפורסמת במעשיה מרת עלקא בת משולם פייוול ע"ה** והמנחם ירושלים הוא ינחמכם ולא תוסיפו לדאבה עוד, ותראו רוב נחת מתוך שמחה מעתה ועד עולם.